# דעם רבינ'ס מעשיות

ספּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

מעשה ג'
מחיגר (2)
גליון 49

**שַׁבַּת שָׁלוֹם, יְלָדִים יְקָרִים!**

הַשָּׁבוּעַ אֲנַחְנוּ מַמְשִׁיכִים לַעֲקֹב אַחַר מַסָּעוֹ שֶׁל הַחִגֵּר, שֶׁכְּבָר נִתְרַפֵּא בְּרַגְלָיו וּבְעֶצֶם כְּבָר אֵינוֹ חִגֵּר כְּלָל, וּבְכָל זֹאת, הָרְפוּאָה בְּרַגְלָיו זֶה רַק הַהַתְחָלָה. אַחֲרֵי שֶׁהוּא כְּבָר זָכָה לְתִקּוּן, הוּא הוֹלֵךְ לְחַפֵּשׂ אֶת כָּל מַה שֶּׁאִבֵּד בַּדֶּרֶךְ, כְּמוֹ שֶׁרַבֵּנוּ מַמְשִׁיךְ בְּמַעֲשֶׂה : **"וְיִשֵּׁב עַצְמוֹ - וְהָלַךְ לְאוֹתוֹ יַעַר שֶׁגָּזְלוּ אוֹתוֹ שָׁם".**

"בַּיַּעַר הוּא מְעַרְבֵּב אֶת 'אָבָק הַצַּדִּיקִים', עִם 'אָבָק הַמְשֻׁגָּעִים' שֶׁהוּא אָסַף מִכָּל הַשְּׁבִילִים, וּמְפַזֵּר אוֹתָם עַל הַשְּׁבִיל אֵיפֹה שֶׁהַגַּזְלָנִים עוֹבְרִים". וְאָז "הוּא עוֹלֶה עַל עֵץ גָּבוֹהַּ, וְרוֹצֶה לִרְאוֹת מַה יִּהְיֶה נַעֲשֶׂה בָּהֶם". וְאָכֵן "הַגַּזְלָנִים יוֹצְאִים, וְתֵכֶף שֶׁדּוֹרְכִים עַל הָאָבָק, **הֵם נַעֲשִׂים צַדִּיקִים, וּמַתְחִילִים לִצְעֹק וּלְהִתְחָרֵט עַל מַה שֶּׁגָּזְלוּ וְהָרְגוּ עַד עַכְשָׁו".** אַךְ כָּאן קוֹרֶה דָּבָר מְעַנְיֵן, בִּגְלַל שֶׁהָיָה מְעֹרָב עַל הַשְּׁבִיל, גַּם 'אָבָק מְשֻׁגָּעִים', וְגַם 'אָבָק צַדִּיקִים' - אָז הֵם **"נַעֲשׂוּ 'צַדִּיקִים מְשֻׁגָּעִים'... וְהִתְחִילוּ לְהִתְקוֹטֵט זֶה עִם זֶה, זֶה אָמַר: 'בִּשְׁבִילְךָ גָּזַלְנוּ'. וְזֶה אָמַר: עַל־יָדְךָ גָּזַלְנוּ. עַד שֶׁהָרְגוּ זֶה אֶת זֶה".**

**מַה קּוֹרֶה כָּאן?** - לְשֵׁם מָה הָיָה צָרִיךְ לְעַרְבֵּב אֶת 'אָבָק הַמְשֻׁגָּעִים'? - לֹא הָיָה עָדִיף שֶׁיִּהְיוּ מִיָּד 'צַדִּיקִים גְּמוּרִים', יַחְזְרוּ בִּתְשׁוּבָה, וְיַגִּיעוּ לְתִקּוּנָם? - וְגַם: אֵיזֶה סוּג מְשֻׁגָּעִים הֵם אֵלּוּ? הָיָה מַתְאִים יוֹתֵר, שֶׁתֵּכֶף שֶׁדָּרְכוּ עַל 'אָבָק הַמְשֻׁגָּעִים', שֶׁיַּתְחִילוּ לִקְפֹּץ וּלְפַזֵּז... לְהִתְגַּלְגֵּל בָּרֶפֶשׁ וָטִיט, וְכָל מִינֵי מַעֲשִׂים שֶׁל טֵרוּף הַדַּעַת, שֶׁזֶּה מַה שֶּׁנִּרְאֶה בְּעֵינֵינוּ לִמְשֻׁגָּע?!

אַךְ כָּאן רַבֵּנוּ מְלַמֵּד אוֹתָנוּ "מַה זֶה שִׁגָּעוֹן אֲמִתִּי"! - שֶׁבִּמְקוֹם לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, וּלְתַקֵּן אֶת מַעֲשֵׂיהֶם, הֵם הִתְחִילוּ לְהִתְקוֹטֵט, וּלְחַפֵּשׂ אֲשָׁמִים וְתֵרוּצִים: **"עַל־יָדְךָ גָּזַלְנוּ! בִּשְׁבִילְךָ גָּזַלְנוּ"!** - תָּלוּ אֶת מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים עַל אֲחֵרִים, "בִּגְלָלוֹ עָשִׂיתִי אֶת זֶה! בִּשְׁבִילוֹ גָּנַבְתִּי"! - וְכָךְ יָכוֹל אָדָם לְהַעֲבִיר אֶת כָּל יְמֵי חַיָּיו, סְבִיב שְׁטוּת וְשִׁגָּעוֹן זֶה, מַה עָשׂוּ לוֹ, וְלָמָּה, וּבִגְלַל מִי הוּא נִרְאֶה כְּמוֹ שֶׁהוּא נִרְאֶה, אַךְ בֵּינְתַיִם הוּא לֹא זוֹכֶה לְתַקֵּן אֶת מַעֲשָׂיו.

נִקַּח לְמָשָׁל: יֶלֶד שֶׁמְּאַחֵר כָּל בֹּקֶר לְחֵיידֶר, וְיֵשׁ לוֹ בְּאַמְתַּחְתּוֹ שָׁלָל שֶׁל תֵּרוּצִים, כְּגוֹן: **"שֶׁאֵין לוֹ שָׁעוֹן טוֹב, וְאַף אֶחָד לֹא מֵעִיר אוֹתוֹ בַּבֹּקֶר כְּמוֹ שֶׁצָּרִיךְ! וּזְמַנֵּי הַחֵיידֶר קַפְּדָנִים מִדַּי! וּמַפְרִיעִים לוֹ לִישֹׁן בָּעֶרֶב"!** - וְעוֹד כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה סִבּוֹת וְתֵרוּצִים, כָּל אֶחָד לְפִי עִנְיָנוֹ, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַיֶּלֶד אֲפִילוּ צוֹדֵק בְּטַעֲנוֹתָיו, וְתֵרוּצָיו יֵשׁ בָּהֶם מִן הָאֱמֶת, **אַךְ בֵּינְתַיִם הוּא נִשְׁאַר 'שְׁלֵימַזָּל',** וּמַמְשִׁיךְ לְאַחֵר כָּל יוֹם. אַךְ אִם יַשְׂכִּיל הַיֶּלֶד לְהָבִין: שֶׁכָּל זֶה אֵינוֹ אֶלָּא שְׁטוּת וְשִׁגָּעוֹן הָעוֹלָם, וְיִזְרֹק אֶת כָּל הַסִּבּוֹת **"בִּשְׁבִיל מִי וּבִגְלַל מִי הוּא מְאַחֵר", וְיַחְלִיט בְּלִבּוֹ: "שֶׁאֵין הַדָּבָר תָּלוּי אֶלָּא בִּי! בֹּא נִרְאֶה מַה אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת בִּשְׁבִיל לָקוּם מֻקְדָּם וּלְהַגִּיעַ בִּזְמַן לְחֵיידֶר"!** - יֶלֶד כָּזֶה בְּוַדַּאי יִגְדַּל לְתִפְאֶרֶת.

דֶּרֶךְ הַתְּשׁוּבָה הָאֲמִתִּית: שֶׁיִּתְלֶה עֲווֹנוֹתָיו וְחֶסְרוֹנוֹ בְּעַצְמוֹ, וְלֹא בְּזוּלָתוֹ - זֶה דֶּרֶךְ הַצַּדִּיקִים. אַךְ מִכֵּיוָן שֶׁאֵין זוֹ הַדֶּרֶךְ, שֶׁמִּיָּד מַגִּיעִים לְדַרְגַּת הַצַּדִּיקִים, אֶלָּא כְּמוֹ שֶׁרַבֵּנוּ מְלַמֵּד: שֶׁעוֹלִים **לְאַט לְאַט** מִדַּרְגָּה לְדַרְגָּה - לָכֵן הָיָה עַל הַחִגֵּר לְעַרְבֵּב קֹדֶם אֶת 'אָבָק הַמְשֻׁגָּעִים' - כִּי כָּךְ הוּא הַדֶּרֶךְ, עַד שֶׁיְּהוּדִי זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה וּלְתַקֵּן אֶת מַעֲשָׂיו בֶּאֱמֶת, הוּא עוֹבֵר לִבּוּן וְצֵרוּף בְּתוֹךְ הַבְלֵי הָעוֹלָם בְּכָל מִינֵי דִּמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים וְשִׁגְיוֹנוֹת, **עַד שֶׁהוּא זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת.**

כְּשֶׁדִּבֵּר פַּעַם מוֹהֲרַנַ"ת מִשְּׁטוּת דֶּרֶךְ הָעוֹלָם, אָמַר: **"כָּל בְּנֵי הָעוֹלָם מְשׁוּגָּעִים הֵמָּה** (כָּל אֶחָד וְשִׁגְעוֹנוֹ)**, וְגַם אֲנִי כְּמוֹתָם, אוּלָם זֹאת מַעֲלָתִי, שֶׁהִכַּרְתִּי פִּקֵּחַ"!** [דִּי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מְשׁוּגָע, אוּן אִיךְ אוֹיךְ, נָאר אִיךְ הָאבּ גִיקֶענְט אַ קְלָארְן]. (שיש"ק)

מִי שֶׁלּוֹקֵחַ אֶת עֲצוֹת הַצַּדִּיק, שֶׁזָּכָה וְתִקֵּן הַכֹּל בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת כָּרָאוּי, וְזוֹכֶה לְיַשֵּׁב אֶת דַּעְתּוֹ כְּמוֹ שֶׁרַבֵּנוּ אָמַר בְּשִׂיחוֹת־הָרַ"ן: **"כָּל הָעוֹלָם מָלֵא מַחֲלוֹקוֹת.... וְאֵין מִי שֶׁיָּשִׂים עַל לִבּוֹ הַתַּכְלִית שֶׁבְּכָל יוֹם וָיוֹם הָאָדָם מֵת, כִּי הַיּוֹם שֶׁעָבַר לֹא יִהְיֶה עוֹד, וּבְכָל יוֹם הוּא מִתְקָרֵב לְמִיתָה".** וְיָכוֹל לִרְאוֹת אֵיךְ בְּתוֹךְ כָּל הַקְּטָטוֹת וְהַטְּעָנוֹת, בֵּינְתַיִם **"הַזְּמַן הוֹלֵךְ וְהוֹמֶה, וְהַגּוּף אֶפְשָׁר עַכְשָׁו בָּא יוֹמוֹ"** (שִׁיר נָעִים).
עַד שֶׁזּוֹכֶה לִצְעֹק וְלִשְׁפֹּךְ לְבָבוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ, שֶׁיּוֹלִיכוֹ בְּדֶרֶךְ הַצַּדִּיק הַפִּקֵּחַ הַזֶּה, שֶׁעַל־יָדוֹ בְּוַדַּאי יִתְתַּקֵּן הַכֹּל, **אָמֵן.**



שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ!

## סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

# מַעֲשֶׂה ג – מֵ'חִגֵּר'

### [פֶּרֶק ג] הַ'חִגֵּר' נִתְרַפֵּא / הָ'אֲגֻדּוֹת שֶׁל אָבָק' / 'צַדִּיקִים־מְשֻׁגָּעִים' / סוֹף הַ'גַּזְלָנִים'

**[א] בְּתוֹךְ־כָּךְ נִסְתַּכֵּל** [הַחִגֵּר] **עַל הַדּוּמִיט בְּצַד** [הָ]**אַחֵר, וְרָאָה כָּתוּב שָׁם: "שְׁמִי שֶׁיֹּאחֵז** [הַ'דּוּמִיט'] **בְּ'אוֹתוֹ הַצַּד', שֶׁיִּשָּׂא אוֹתוֹ לְהַדֶּרֶךְ שֶׁיּוֹצְאִים מִמֶּנּוּ כַּמָּה דְּרָכִים, כַּנַּ"ל!** [הַיְנוּ: לְ'דֶרֶךְ' הַנַּ"ל, שֶׁהַ'שֶּׁמֶשׁ' הוֹדִיעַ לְהַ'לְּבָנָה']!

**וְאָחַז** [אוֹתוֹ] **בְּ'אוֹתוֹ הַצַּד', וְנָשָׂא אוֹתוֹ לְשָׁם!** [הַיְנוּ: לְ'אוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ' שֶׁיּוֹצְאִים מִמֶּנּוּ כַּמָּה דְּרָכִים]!

**וְנָתַן רַגְלָיו בְּ'אוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ', שֶׁהָאָבָק** [שֶׁל 'אוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ', הוּא] **רְפוּאָה לָרַגְלַיִם** [הוּא הַ'דֶּרֶךְ' שֶׁהַצַּדִּיקִים הַמְקַבְּלִים עֲלֵיהֶם יִסּוּרִים, מְקַבְּלִים שָׁם כֹּחַ בְּרַגְלֵיהֶם]**! – וְנִתְרַפֵּא מִיָּד!**

**וְהָלַךְ וְנָטַל הָאָבָק מִכָּל הַדְּרָכִים! וְעָשָׂה לוֹ אֲגֻדּוֹת** [מִכָּל 'פּוּל' בְּנִפְרָד]**! – שֶׁאָגַד הַ'פּוּל' שֶׁל הַ'דֶּרֶךְ שֶׁל צַדִּיקִים' לְבַדּוֹ! – וְכֵן הַ'פּוּל' שֶׁל שְׁאָר הַדְּרָכִים, אָגַד כָּל אֶחָד לְבַדּוֹ, וּלְקָחָם אִתּוֹ!**

**[ב] וְיִשֵּׁב עַצְמוֹ: וְהָלַךְ לְ'אוֹתוֹ הַיַּעַר' שֶׁגָּזְלוּ אוֹתוֹ שָׁם!**

**כְּשֶׁבָּא לְשָׁם, בָּחַר לוֹ אִילָן גָּבוֹהַּ, שֶׁהוּא סָמוּךְ לְהַדֶּרֶךְ שֶׁיּוֹצְאִים שָׁם הַגַּזְלָנִים לִגְזֹל!**

**וְלָקַח הַ'פּוּל שֶׁל צַדִּיקִים' וְהַ'פּוּל שֶׁל מְשֻׁגָּעִים', וְעִרְבָם יַחַד, וּפִזֵּר אוֹתָם עַל הַדֶּרֶךְ! – וְהוּא עָלָה עַל הָ'אִילָן', וְיָשַׁב שָׁם, לִרְאוֹת מַה יִּהְיֶה נַעֲשֶׂה בָּהֶם!**

[וְרָאָה:] **וְהָיוּ יוֹצְאִים שָׁם 'גַּזְלָנִים', שֶׁשָּׁלַח אוֹתָן הַ'גַּזְלָן הַגָּדוֹל' שֶׁבָּהֶם הַנַּ"ל, לָצֵאת וְלִגְזֹל. וּכְשֶׁבָּאוּ לְ'אוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ'** [שֶׁפִּזֵּר שָׁם הַ'פּוּל הַמְעֹרָב' הַנַּ"ל] – [אֲזַי] **תֵּכֶף כְּשֶׁדָּרְכוּ עַל הַפּוּל הַנַּ"ל, נַעֲשׂוּ צַדִּיקִים! – וְהִתְחִילוּ לִצְעֹק עַל נַפְשָׁם: "עַל** [יְמֵיהֶם וּשְׁנוֹתֵיהֶם] **שֶׁגָּזְלוּ עַד הֵנָּה, וְהָרְגוּ כַּמָּה נְפָשׁוֹת"!**

**אֲבָל מֵחֲמַת שֶׁהָיָה מְעֹרָב שָׁם 'פּוּל שֶׁל מְשֻׁגָּעִים' – נַעֲשׂוּ 'צַדִּיקִים־מְשֻׁגָּעִים'!**

**וְהִתְחִילוּ לְהִתְקוֹטֵט זֶה עִם זֶה. זֶה אָמַר: "בִּשְׁבִילְךָ גָּזַלְנוּ"! – וְזֶה אָמַר: "עַל־יָדְךָ גָּזַלְנוּ"! –** [כָּכָה הִתְקוֹטְטוּ]**, עַד שֶׁהָרְגוּ זֶה אֶת זֶה!**

**וְהָיָה** [הַגַּזְלָן הַגָּדוֹל] **שׁוֹלֵחַ כַּת אַחֶרֶת** [שֶׁל גַּזְלָנִים] **– וְהָיָה גַּם־כֵּן כַּנַּ"ל, וְהָרְגוּ זֶה אֶת זֶה כַּנַּ"ל! – וְכֵן הָיָה אַחַר־כָּךְ** [שֶׁהַ'גַּזְלָן הַגָּדוֹל' שָׁלַח עוֹד וְעוֹד 'גַּזְלָנִים' – וְהִתְקוֹטְטוּ עַצְמָם, וְהָרְגוּ זֶה אֶת זֶה]**, עַד שֶׁנֶּהֶרְגוּ כֻּלָּם.**

**עַד שֶׁהֵבִין: שֶׁלֹּא נִשְׁאֲרוּ** [מֵהַ'גַּזְלָנִים'] **כִּי אִם הוּא בְּעַצְמוֹ עִם עוֹד אֶחָד!** (הַיְנוּ שֶׁהַבֵּן הַנַּ"ל [שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ כֹּחַ בְּרַגְלָיו בִּתְחִלָּה, שֶׁעָלָה עַל הָאִילָן] הֵבִין: שֶׁכְּבָר נֶהֶרְגוּ כָּל הַגַּזְלָנִים הַנַּ"ל, וְלֹא נִשְׁאַר כִּי אִם הַגַּזְלָן הַגָּדוֹל בְּעַצְמוֹ [שֶׁהוּא הֵסִית אוֹתָם כֻּלָּם לִגְזֹל], עִם עוֹד אֶחָד)!

**וְיָרַד מֵהָאִילָן, וְכִבֵּד מִשָּׁם אֶת הַ'פּוּל' הַנַּ"ל מִן הַדֶּרֶךְ, וּפִזֵּר אֶת הַ'פּוּל שֶׁל צַדִּיקִים' בְּעַצְמוֹ! – וְהָלַךְ וְיָשַׁב** [שׁוּב] **עַל הָאִילָן.**

**[ג] וְאוֹתוֹ הַגַּזְלָן** (הַיְנוּ הַגָּדוֹל שֶׁבָּהֶם [שֶׁשָּׁלַח אֲנָשָׁיו]) **תָּמַהּ: "שֶׁשּׁוֹלֵחַ כָּל הַגַּזְלָנִים, וְאֵין אֶחָד מֵהֶם שָׁב אֵלָיו"?!**

[וְיִשֵּׁב עַצְמוֹ:] **וְהָלַךְ הוּא בְּעַצְמוֹ, עִם הָאֶחָד שֶׁנִּשְׁאַר אֶצְלוֹ!**

**וְתֵכֶף כְּשֶׁבָּא עַל אוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ** (שֶׁפִּזֵּר שָׁם הַבֵּן הַנַּ"ל הַפּוּל שֶׁל צַדִּיקִים לְבַדּוֹ) **– נַעֲשָׂה צַדִּיק! וְהִתְחִיל לִצְעֹק לַחֲבֵרוֹ עַל נַפְשׁוֹ: "עַל** [יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו] **שֶׁהָרַג כָּל־כָּךְ נְפָשׁוֹת, וְגָזַל כָּל־כָּךְ! – וְהָיָה תּוֹלֵשׁ קְבָרִים, וְהָיָה שָׁב בִּתְשׁוּבָה וּמִתְחָרֵט מְאֹד!**

**וְכֵיוָן שֶׁרָאָה** (הַבֵּן הַנַּ"ל שֶׁהָיָה יוֹשֵׁב עַל הָאִילָן)**: "שֶׁהוּא** [הַגַּזְלָן הַגָּדוֹל] **מִתְחָרֵט וְשָׁב בִּתְשׁוּבָה כָּל־כָּךְ"! – יָרַד מֵהָאִילָן.**

**כֵּיוָן שֶׁרָאָה הַגַּזְלָן: שֶׁמָּצָא אָדָם – הִתְחִיל לִצְעֹק** [עַל נַפְשׁוֹ]**: "אוֹי עַל נַפְשִׁי, כָּזֹאת וְכָזֹאת עָשִׂיתִי! אֲהָהּ! תֵּן לִי תְּשׁוּבָה"!**

**עָנָה לוֹ: "הַחֲזֵר לִי הַתֵּבָה שֶׁגְּזַלְתֶּם מִמֶּנִּי"! – כִּי כָּתוּב אֶצְלָם עַל כָּל גְּזֵלָה: בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם שֶׁנִּגְזַל** [כְּלוֹמַר: בְּאֵיזֶה יוֹם נִגְזַל]**! וְאֵצֶל מִי נִגְזַל!**

**אָמַר לוֹ: "אֲנִי מַחֲזִיר לְךָ תֵּכֶף! וַאֲנִי נוֹתֵן לְךָ אֲפִלּוּ כָּל הָ'אוֹצָרוֹת שֶׁל גְּזֵלָה' שֶׁיֵּשׁ לִי! רַק** [הָעִקָּר] **תֵּן לִי תְּשׁוּבָה"!**

**אָמַר לוֹ: תְּשׁוּבָתְךָ הִיא רַק, שֶׁתֵּלֵךְ אֶל הָעִיר, וְתִצְעַק וְתִתְוַדֶּה: "אֲנִי הוּא שֶׁהִכְרַזְתִּי אָז** [כַּנַּ"ל – פֶּרֶק א, אוֹת ב: "שְׁמִי שֶׁרוֹצֶה 'מְזוֹנוֹת' יָבוֹא אֵלָיו" וְכוּ']**, וְעָשִׂיתִי כַּמָּה גַּזְלָנִים, וְהָרַגְתִּי וְגָזַלְתִּי כַּמָּה נְפָשׁוֹת"! – זֶה הִיא תְּשׁוּבָתְךָ!**

וְנָתַן לוֹ [הַ'גּוֹזֵל'] כָּל הָאוֹצָרוֹת! - וְהָלַךְ עִמּוֹ אֶל הָעִיר, וְעָשָׂה כֵּן!

וּפָסְקוּ שָׁם בְּאוֹתוֹ הָעִיר: "בַּאֲשֶׁר שֶׁהָרַג כָּל־כָּךְ נְפָשׁוֹת, עַל כֵּן יִתְלוּ אוֹתוֹ! - לְמַעַן יֵדְעוּ" [כְּלוֹמַר: כְּדֵי שֶׁאֲחֵרִים יִלְמְדוּ מִזֶּה]!

## [פֶּרֶק ד] הַ'שְּׁנֵי־אֶלֶף הָרִים' / הַ'שֵּׁדִים' / 'בֶּן הַשֵּׁדִים' שֶׁנֶּאֱבַד / הַ'שֵּׁד' שֶׁנַּעֲשָׂה 'עָנָן'

**[א]** אַחַר־כָּךְ יָשַׁב עַצְמוֹ הַבֵּן הַנַּ"ל: "לֵילֵךְ אֶל הַ'שְּׁנֵי־אֶלֶף הָרִים' (הַנַּ"ל), לְהִסְתַּכֵּל מַה נַּעֲשֶׂה שָׁם"!

כְּשֶׁבָּא לְשָׁם - עָמַד מֵרָחוֹק מֵהַ'שְּׁנֵי־אֶלֶף הָרִים' - וְרָאָה: "שֶׁיֵּשׁ שָׁם, כַּמָּה וְכַמָּה אֶלֶף־אֲלָפִים וְרִבֵּי־רְבָבוֹת 'מִשְׁפָּחוֹת שֶׁל שֵׁדִים', כִּי הֵם פָּרִים וְרָבִים כִּבְנֵי־אָדָם, וְהֵם רַבִּים מְאֹד"!

וְרָאָה: "הַ'מַּלְכוּת' [מֶלֶךְ] שֶׁלָּהֶם יוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא, שֶׁשּׁוּם יְלוּד אִשָּׁה אֵינוֹ יוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא כָּזוֹ"!

וְרָאָה אוֹתָם: "שֶׁעוֹשִׂים לֵיצָנוּת"! - זֶה מְסַפֵּר: "שֶׁהִזִּיק לְזֶה תִּינוֹק"! - וְזֶה אוֹמֵר: "שֶׁהִזִּיק לְזֶה יָד! - וְזֶה מְסַפֵּר: "שֶׁהִזִּיק רֶגֶל"! - וְכֵן שְׁאָר לֵיצָנוּת!

**[ב]** בְּתוֹךְ כָּךְ נִסְתַּכֵּל, וְרָאָה: "אָב וָאֵם הוֹלְכִים וּבוֹכִים"!

וְשָׁאֲלוּ אוֹתָם: "לָמָּה אַתֶּם בּוֹכִים"?! - וְהֵשִׁיבוּ: "שֶׁיֵּשׁ לָהֶם בֵּן - וְהָיָה דַּרְכּוֹ לֵילֵךְ לְדַרְכּוֹ - וְהָיָה שָׁב [תָּמִיד] בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן, וְעַכְשָׁיו הוּא זְמַן רַב וַעֲדַיִן לֹא בָּא"! [וְכֻלָּם הָיוּ מִן הַ'שֵּׁדִים' - הָ'אָב', וְהָ'אֵם', וְהַ'בֵּן']!

וְהֵבִיאוּ אוֹתָם לַמֶּלֶךְ [הַנַּ"ל שֶׁל הַ'שֵּׁדִים'], וְצִוָּה הַמֶּלֶךְ: "לִשְׁלֹחַ שְׁלוּחִים לְכָל הָעוֹלָם לְמָצְאוֹ"!

וְהָיוּ הָאָב וָאֵם חוֹזְרִים, וּפָגְעוּ בְּאֶחָד שֶׁהָיָה הוֹלֵךְ בְּיַחַד עִם בְּנָם הַנַּ"ל (הַיְנוּ: שֶׁאוֹתוֹ הָאֶחָד שֶׁפָּגְעוּ בּוֹ, הָיָה הֶחָבֵר שֶׁל בְּנָם, וְהָיָה הוֹלֵךְ בְּיַחַד עִם בְּנָם בַּתְּחִלָּה, אֲבָל עַכְשָׁו פָּגְעוּ בּוֹ לְבַדּוֹ).

וְשָׁאַל אוֹתָם: "עַל מָה אַתֶּם בּוֹכִים"?! - וְסִפְּרוּ לוֹ כַּנַּ"ל!

הֵשִׁיב לָהֶם: "אֲנִי אוֹדִיעַ לָכֶם [מַה שֶּׁקָּרָה כָּאן]! - הֱיוֹת שֶׁהָיָה לָנוּ 'אִי' אֶחָד בַּיָּם, שֶׁהָיָה שָׁם מָקוֹם שֶׁלָּנוּ - וְאַחַר־כָּךְ הָלַךְ הַמֶּלֶךְ שֶׁהָיָה שַׁיָּךְ לוֹ הָ'אִי' הַנַּ"ל, וְרָצָה לִבְנוֹת שָׁם בִּנְיָנִים, וְהִנִּיחַ יְסוֹדוֹת!

וְאָמַר הַבֵּן הַנַּ"ל (הַיְנוּ הַבֵּן שֶׁל הַשֵּׁדִים הַנַּ"ל שֶׁנֶּאֱבַד) אֵלַי: "שֶׁנַּזִּיק אוֹתוֹ"! - וְהָלַכְנוּ וְלָקַחְנוּ הַכֹּחַ מֵ[אוֹתוֹ]הַמֶּלֶךְ!

וְהָיָה [אוֹתוֹ הַמֶּלֶךְ] עוֹסֵק בְּדָאקְטוֹרִים, וְלֹא הָיוּ יְכוֹלִים לַעֲזֹר לוֹ! - וְהִתְחִיל לַעֲסֹק בִּמְכַשְּׁפִים!

וְהָיָה שָׁם מְכַשֵּׁף אֶחָד, שֶׁהָיָה יוֹדֵעַ מִשְׁפַּחְתּוֹ [שֶׁל הַ'בֵּן']! וְאֶת מִשְׁפַּחְתִּי לֹא יָדַע, עַל־כֵּן לֹא הָיָה יָכוֹל לַעֲשׂוֹת לִי דָּבָר! - אֲבָל מִשְׁפַּחְתּוֹ הָיָה יוֹדֵעַ, וְתָפַס אוֹתוֹ וּמְעַנֶּה אוֹתוֹ כָּל־כָּךְ"!

וְהֵבִיאוּ אוֹתוֹ אֶל הַמֶּלֶךְ. (הַיְנוּ: זֶה הַ'שֵּׁד' שֶׁסִּפֵּר כָּל־זֶה, הֵבִיאוּ אוֹתוֹ אֶל הַמֶּלֶךְ שֶׁלָּהֶם [שֶׁל הַ'שֵּׁדִים']) - וְסִפֵּר זֹאת לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ!

אָמַר הַמֶּלֶךְ: יָשִׁיבוּ לוֹ הַכֹּחַ [לְהַמֶּלֶךְ הַנַּ"ל שֶׁל הָ'אִי']! - עָנָה וְאָמַר [הַ'שֵּׁד']: "שֶׁהָיָה אֶצְלֵנוּ אֶחָד, שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ כֹּחַ, וְנָתַנּוּ לוֹ הַכֹּחַ"!

אָמַר הַמֶּלֶךְ: "יִקְחוּ מִמֶּנּוּ הַכֹּחַ, וְיַחֲזִירוּ לְהַמֶּלֶךְ" [שֶׁל הָ'אִי']! - הֵשִׁיבוּ לְהַמֶּלֶךְ: "כִּי נַעֲשָׂה עָנָן"! [הַיְנוּ: הַ'שֵּׁד' שֶׁנָּתְנוּ לוֹ הַ'כֹּחַ' שֶׁל הַ'מֶּלֶךְ', נַעֲשָׂה 'עָנָן']!

אָמַר הַמֶּלֶךְ: "שֶׁיִּקְרְאוּ הֶ'עָנָן', וְיָבִיאוּ אוֹתוֹ לְכָאן"! - וְשָׁלְחוּ 'שָׁלִיחַ' אַחֲרָיו!

**[ג]** אָמַר [יָשַׁב עַצְמוֹ] אוֹתוֹ הָאִישׁ הַבֵּן הַנַּ"ל (הַיְנוּ זֶה הַבֵּן, שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ כֹּחַ בְּרַגְלָיו בַּתְּחִלָּה, שֶׁבָּא לְכָאן וְרָאָה כָּל־זֶה): "אֵלֵךְ וְאֶרְאֶה הָעִנְיָן, אֵיךְ נַעֲשָׂה מֵהָאֲנָשִׁים אֵלּוּ 'עָנָן'"?!

וְהָלַךְ אַחֲרֵי הַ'שָּׁלִיחַ' - וּבָא אֶל הָעִיר שֶׁהָיָה שָׁם הֶ'עָנָן', וְשָׁאַל אֶת אַנְשֵׁי הָעִיר: "[מִפְּנֵי מָה יֵשׁ עָנָן בְּתוֹךְ הָעִיר?] מִפְּנֵי מָה כִּסָּה הֶעָנָן כָּל־כָּךְ בְּתוֹךְ הָעִיר"?!

וְהֵשִׁיבוּ לוֹ: "בְּכָאן, אַדְּרַבָּא, שֶׁמֵּעוֹלָם אֵין כָּאן 'עָנָן' - וְזֶה זְמַן שֶׁכִּסָּה הֶ'עָנָן' [אֶת הָעִיר]"!

וּבָא הַ'שָּׁלִיחַ' וְקָרָא אֶת הֶ'עָנָן'! - וְהָלַךְ מִשָּׁם [הַבֵּן הַנַּ"ל שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ כֹּחַ בְּרַגְלָיו בַּתְּחִלָּה]!

וְיָשַׁב עַצְמוֹ הָאִישׁ [הַבֵּן] הַנַּ"ל [שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ כֹּחַ בְּרַגְלָיו בַּתְּחִלָּה]: "לֵילֵךְ אַחֲרֵיהֶם, לִשְׁמֹעַ מַה הֵם מְדַבְּרִים"!

וְשָׁמַע: שֶׁהַ'שָּׁלִיחַ' שָׁאַל אוֹתוֹ: "אֵיךְ אַתָּה בָּא לִהְיוֹת בְּכָאן עָנָן"?! - וְהֵשִׁיב לוֹ: "אֲסַפֵּר לְךָ מַעֲשֶׂה"!

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

# מַעֲשֶׂה ג – דֶער 'הִינְקֶעדִיגֶער'

## [פֶּרֶק ג] עֶר וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט / דִי 'בִּינְטְלֶעךְ פוּן שְׁטוֹיבּ' / 'מְשׁוּגָעֶנֶע־צַדִּיקִים' / דִי סוֹף פוּן דִי 'גַזְלָנִים'

[א] דֶערְוַוייל הָאט עֶר [דֶער 'הִינְקֶעדִיגֶער'] אַ קוּק גֶעטָאן אוֹיף דֶעם 'דוּמִיט' [דִימַאנְט], אוֹיף דֶער 'אַנְדֶערֶער זַייט'! – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן, [אַז] דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן: "אַז וֶוער עֶס וֶועט אָנְנֶעמֶען [אָנְכַאפְּן דִי דוּמִיט] בַּיי 'דֶער [דָאזִיגֶער] זַייט', וֶועט עֶס אִים טְרָאגְן צוּ דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] 'וֶועג', וָואס עֶס גֵייעֶן פוּן אִים אַרוֹיס כַּמָה [אַסַאךְ] 'וֶועגְן'"! (דְהַיְינוּ: [צוּ] דֶער 'וֶועג' וָואס אוֹיבְן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, וָואס דִי 'זוּן' הָאט מוֹדִיעַ גֶעוֶועְן [צוּ] דֶער 'לְבָנָה')!

הָאט עֶר [דָאס] אָנְגֶענוּמֶען [אָנְגֶעכַאפְּט] בַּיי 'דֶער [דָאזִיגֶער] זַייט' – הָאט עֶס אִים אַהִין אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן! (דְהַיְינוּ: צוּ 'דֶעם [דָאזִיגְן] וֶועג' [וָואס עֶס גֵייעֶן פוּן אִים אַרוֹיס כַּמָה וֶועגְן])!

הָאט עֶר אַרַיינְגֶעטָאן דִי 'פִּיס' אִין 'דֶעם [דָאזִיגְן] וֶועג', וָואס דֶער 'פּוּל' [פוּן 'יֶענֶעם וֶועג'] אִיז אַ 'רְפוּאָה' צוּ דִי 'פִּיס' [דָאס אִיז דִי 'וֶועג' וואוּ דִי 'צַדִּיקִים' וָואס זֶענֶען מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ 'יִסוּרִים', בַּאקוּמֶען דָארְט 'כֹּחַ' אִין דִי 'פִּיס'] – אִיז עֶר תֵּיכֶּף גֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן [עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס הִינְקֶעדִיג]!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט גֶענוּמֶען דֶעם 'פּוּל' [שְׁטוֹיבּ] פוּן 'אַלֶע וֶועגְן', אוּן הָאט אִיטְלֶעכְן 'פּוּל' בַּאזוּנְדֶער, אַיינְגֶעבִּינְדְן אִין אַ 'בִּינְטְל'! – (דְהַיְינוּ): דֶעם פּוּל פוּן דֶעם 'וֶועג פוּן צַדִּיקִים', הָאט עֶר בַּאזוּנְדֶער אַיינְגֶעבִּינְדְן! – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דֶעם 'פּוּל' פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע 'וֶועגְן', הָאט עֶר אִיטְלֶעכְן בַּאזוּנְדֶער פַארְבִּינְדְן! – אוּן הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט 'בִּינְטְלֶעךְ' פוּן דִי 'פּוּלְן' [שְׁטוֹיבְּן] – אוּן הָאט זֵיי מִיט זִיךְ מִיטְגֶענוּמֶען!

[ב] אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶועְן – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם 'וַואלְד', וָואס מֶען הָאט אִים דָארְט גֶעגַרָאבֶּעוֶועט [בַּארוֹיבְּט]!

וִוי עֶר אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען – הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ 'הוֹיכְן בּוֹים', וָואס עֶר [דֶער בּוֹים] אִיז נָאנְט צוּ דֶעם 'וֶועג', וָואס פוּן דָארְט גֵייעֶן אַרוֹיס דִי 'גַזְלָנִים' רַאבֶּעוֶועְן [רוֹיבְּן]!

אוּן הָאט גֶענוּמֶען דֶעם 'פּוּל [שְׁטוֹיבּ] פוּן צַדִּיקִים', אוּן דֶעם 'פּוּל [שְׁטוֹיבּ] פוּן מְשׁוּגָעִים', אוּן הָאט זֵיי אִינְאֵיינֶעם אוֹיסְגֶעמִישְׁט, אוּן הָאט זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג [פוּן דִי רוֹיבֶּערְס]! – אוּן עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם 'בּוֹים', אוּן הָאט זִיךְ דָארְט גֶעזֶעצְט, עֶר זָאל זֶעהְן וָואס מִיט זֵיי וֶועט זִיךְ טוּהְן!

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: וִוי דִי 'גַזְלָנִים' זֶענֶען [דָארְט] אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען – וָואס דֶער 'עֶלְסְטֶער־גַזְלָן' (הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]), הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט רַאבֶּעוֶועְן [רוֹיבְּן].

וִוי [נָאר] דִי 'גַזְלָנִים' זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף 'דֶעם [דָאזִיגְן] וֶועג' [וִוי עֶר הָאט דָארְט פַארְשְׁפְּרֵייט דִי 'אוֹיסְגֶעמִישְׁטֶע פּוּל'] – [אִיז] תֵּיכֶּף וִוי זֵיי הָאבְּן אַ טְרֶעט גֶעטָאן אוֹיף דֶעם [דָאזִיגְן] 'פּוּל', זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן 'צַדִּיקִים'! – אוּן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן [אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס]: "אוֹיף זַייעֶרֶע 'יָאר אוּן טֶעג' וָואס זֵיי הָאבְּן בִּיז אַהֶער גֶעגַרָאבֶּעוֶועט [גֶערוֹיבְּט], אוּן הָאבְּן גֶע'הַרְגֶ'עט כַּמָה [אַסַאךְ] נְפָשׁוֹת"!

נָאר [וִוי בַּאלְד] עֶס אִיז דָאךְ אָבֶּער דָארְט [אוֹיךְ] גֶעוֶועְן גֶעמִישְׁט, [צוּזַאמֶען] מִיט דֶעם 'פּוּל [שְׁטוֹיבּ] פוּן מְשׁוּגָעִים' – זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן 'מְשׁוּגָעֶנֶע־צַדִּיקִים'!

אוּן הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְרִיגְן, אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְן – דֶער הָאט גֶעזָאגְט: "אִיבֶּער [צוּלִיבּ] דִיר, הָאבְּן מִיר גֶע'הַרְגֶ'עט [אוּן גֶעגַרָאבֶּעוֶועט]"! – אוּן דֶער הָאט גֶעזָאגְט: "אִיבֶּער [צוּלִיבּ] דִיר [הָאבְּן מִיר גֶע'הַרְגֶ'עט אוּן גֶעגַרָאבֶּעוֶועט]"!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַזוֹי צוּקְרִיגְט – בִּיז זֵיי הָאבְּן זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע גֶע'הַרְגֶ'עט!

הָאט דֶער 'עֶלְסְטֶער־גַזְלָן' גֶעשִׁיקְט נָאכְאַמָאל [אַ] אַנְדֶערֶע [כִּיתָּה פוּן] 'גַזְלָנִים' – אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶועְן וִוי פְרִיעֶר [וִוי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע 'גַזְלָנִים'], הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ גֶע'הַרְגֶ'עט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע! – אוּן אַזוֹי אִיז עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעוֶועְן [אַז דֶער 'עֶלְסְטֶער־גַזְלָן' הָאט גֶעשִׁיקְט נָאךְ אוּן נָאךְ 'גַזְלָנִים' – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּקְרִיגְט אוּן גֶע'הַרְגֶ'עט], בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט גֶעוָוארְן!

בִּיז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט פְרִיעֶר קַיין 'כֹּחַ' נִישְׁט גֶעהַאט אוֹיף דִי 'פִּיס' [דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער], וָואס עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיף אַ 'בּוֹים'): "אַז עֶס אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי 'גַזְלָנִים' [אַז אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט גֶעוָוארְן], נָאר עֶר אַלֵיין (דְהַיְינוּ: דֶער 'עֶלְסְטֶער־גַזְלָן', וָואס עֶר הָאט זֵיי אַלֶע אָנְגֶערֶעדְט, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) מִיט נָאךְ אֵיינֶעם"!

אִיז עֶר אַרָאפּ פוּן דֶעם 'בּוֹים', אוּן הָאט אוֹיסְגֶעקֶערְט דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן אוֹיסְגֶעמִישְׁטְן] 'פּוּל' [שְׁטוֹיבּ] פוּן דֶעם וֶועג, אוּן הָאט פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם 'פּוּל פוּן צַדִּיקִים' אַלֵיין! – אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ וִוידֶער גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶעם 'בּוֹים'!

[ג] אוּן דֶער 'עֶלְסְטֶער-גַזְלָן' (וָואס עֶר הָאט עֶס אַלְץ גֶעשִׁיקְט זַיינֶע לַייט [מֶענְטְשְׁן], אוּן [קֵיינֶער פוּן] זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט]), הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט: "וָואס עֶר שִׁיקְט אַלְץ דִי 'גַזְלָנִים', אוּן קֵיינֶער קֶערְט זִיךְ נִישְׁט אוּם [צוּרִיק צוּ אִים]"?!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: אוּן אִיז אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען, מִיט דֶעם 'אֵיינֶעם' [גַזְלָן] וָואס עֶר אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן בַּיי אִים!

אוּן תֵּיכֶף וִוי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף 'דֶעם [דָאזִיגְן] וֶועג' (וָואס דֶער [פְרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער] הָאט דָארְט פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם 'פּוּל [שְׁטוּיב] פוּן צַדִיקִים' אַלֵיין) – אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ 'צַדִיק'! אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אַנְדֶערְן [אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס]: "אוֹיף זַיינֶע 'יָאר אוּן טֶעג' וָואס עֶר הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט אַזוֹיפִיל נְפָשׁוֹת, אוּן הָאט אַזוֹיפִיל גֶעגַרַאבֶּעוֶועט [גֶערוֹיבְּט]"! – אוּן הָאט גֶערִיסְן קְבָרִים, אוּן הָאט 'תְּשׁוּבָה' גֶעטָאן, אוּן הָאט זֵייעֶר גְרוֹיס [שְׁטַארְק] 'חֲרָטָה' גֶעהַאט!

וִוי עֶר הָאט גֶעזֶעהְן (הַיְינוּ: דֶער [פְרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער] וָואס אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיף דֶעם 'בּוֹים'): "אַז עֶר [דֶער 'עֶלְסְטֶער-גַזְלָן'] הָאט 'חֲרָטָה' אוּן טוּט זֵייעֶר [שְׁטַארְק] 'תְּשׁוּבָה'"! – אִיז עֶר אַרָאפּ פוּן דֶעם 'בּוֹים'.

וִוי דֶער 'גַזְלָן' הָאט דֶערְזֶעהְן [אַז עֶר הָאט גֶעפוּנֶען] אַ 'מֶענְטְשׁ' – הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף זִיךְ: "וֵויי אִיז מִיר, 'אַזוֹינְס' אוּן אַזוֹינְס הָאבּ אִיךְ גֶעטָאן! גֶעוַואלְד! גֶעבּ מִיר אוֹיס [אַרוֹיס] אַ תְּשׁוּבָה"!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "קֶער [גֶעבּ] מִיר אוּם [צוּרִיק] דָאס 'קֶעסְטְל' [מִיט גֶעלְט], וָואס אִיר הָאט גֶעגַרַאבֶּעוֶועט [גֶערוֹיבְּט] בַּיי מִיר"! – וָוארְן בַּיי זֵיי [דִי גַזְלָנִים] אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁרִיבְּן אוֹיף אִיטְלֶעכֶער 'גְזֵילָה': וֶוען ס'אִיז גֶע'גַזְלְ'ט גֶעוָוארְן! אוּן בַּיי וֶועמֶען מְ'הָאט דָאס גֶע'גַזְלְ'ט!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶער [גֶעבּ] דִיר אוּם [צוּרִיק] תֵּיכֶף! אִיךְ וֶועל דִיר שֶׁענְקְן אֲפִילוּ, אַלֶע 'אוֹצְרוֹת פוּן גְזֵילָה' וָואס אִיךְ הָאבּ! אַבִּי גֶעבּ מִיר אוֹיס [אַרוֹיס] אַ 'תְּשׁוּבָה'"!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: דַיין 'תְּשׁוּבָה' אִיז נָאר: אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין אִין שְׁטָאט אַרַיין, אוּן זָאלְסְט שְׁרֵייעֶן, אוּן זָאלְסְט מִתְוַדֶה זַיין: "אִיךְ בִּין דָאס [דֶער], וָואס אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶערוּפְן (כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק א, אוֹת ב: "אַז וֶוער עֶס ווִיל עֶסְן, זָאל צוּ אִים קוּמֶען" וְכוּ']), אוּן הָאבּ גֶעמַאכְט כַּמָה [אַסַאךְ] 'גַזְלָנִים', אוּן הָאבּ גֶע'הַרְגֶ'עט אוּן גֶעגַרַאבֶּעוֶועט כַּמָה [אַסַאךְ] נְפָשׁוֹת"! – אַדָאס [דָאס] אִיז דַיין 'תְּשׁוּבָה'!

הָאט דֶער 'גַזְלָן' אִים גֶעגֶעבְּן אַלֶע 'אוֹצְרוֹת'! – אוּן אִיז מִיט אִים גֶעגַאנְגֶען אִין 'שְׁטָאט' אַרַיין, אוּן הָאט אַזוֹי גֶעטָאן!

הָאט מֶען דָארְט אִין דֶער 'שְׁטָאט' גֶע'פַּסְקְ'ט: "בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי-וִוי] עֶר הָאט אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט אַזוֹיפִיל נְפָשׁוֹת, עַל-כֵּן זָאל מֶען אִים הֶענְגְן! – לְמַעַן יֵדְעוּ! – כְּלוֹמַר: כְּדֵי אַנְדֶערֶע זָאלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען"!

## [פֶּרֶק ד] דִי 'צְוֵויי טוֹיזְנְט בֶּערְג' / דִי 'שֵׁדִים' / דֶער 'פַארְלוֹירֶענֶער זוּהְן' פוּן דִי 'שֵׁדִים' / דִי 'שֵׁד' וֶוערְט אַ 'וָואלְקְן'

[א] דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט פְרִיעֶר קַיין 'כֹּחַ' נִישְׁט גֶעהַאט אוֹיף דִי 'פִיס' [דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער]): "[אַז] עֶר וֶועט גֵיין צוּ דִי 'צְוֵויי-טוֹיזְנְט בֶּערְג' (הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]), עֶר זָאל זֶעהְן וָואס דָארְט טוּט זִיךְ"!

[וֶוען עֶר אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען], הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט פוּן וַוייטְן [פוּנְדֶערְוֵוייטְנְס] פוּן דִי 'צְוֵויי-טוֹיזְנְט בֶּערְג' – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז סֶע [ס'אִיז] דָארְטְן דָא, כַּמָה וְכַמָה אַלְפֵי-אֲלָפִים וְרִבֵּי-רְבָבוֹת [טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע-טוֹיזְנְטֶער] 'מִשְׁפָּחוֹת פוּן שֵׁדִים' – וָוארְן זֵיי זֶענֶען פָּרִים-וְרָבִים [פַארְמֶערְן זִיךְ], אוּן הָאבְּן קִינְדֶער אַזוֹי-וִוי מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פִּיל"!

אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: זֵייעֶר 'מַלְכוּת' [מֶלֶךְ] אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיף אַ 'שְׁטוּהְל', וָואס קַיין שׁוּם יְלוּד-אִשָּׁה (כְּלוֹמַר: קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ) זִיצְט נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי אַ [אַזַא] 'שְׁטוּהְל'!

אוּן [עֶר] הָאט גֶעזֶעהְן: "וִוי זֵיי מַאכְן 'לֵיצָנוּת'"! – דֶער דֶערְצֵיילְט: "אַז עֶר הָאט בַּיי דֶעם אַ 'קִינְד' מַזִיק גֶעוֶוען"! – אוּן דֶער דֶערְצֵיילְט: "וִוי עֶר הָאט דֶעם אַ 'הַאנְט' מַזִיק גֶעוֶוען"! – אוּן דֶער דֶערְצֵיילְט: "וִוי עֶר הָאט אַ 'פוּס' מַזִיק גֶעוֶוען"! – אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע 'לֵיצָנוּת'!

[ב] דֶערְוַוייל הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: "וִוי [אַ] 'פָאטֶער' אוּן [אַ] 'מוּטֶער' גֵייעֶן אוּן וֵויינֶען"!

הָאט מֶען זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "[פַארְ]וָואס וֵויינְט אִיר"?! – הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "[אַז] זֵיי הָאבְּן אַ 'זוּהְן' – פְּלֶעגְט זַיין שְׁטֵייגֶער צוּ זַיין, עֶר זָאל גֵיין אִין זַיין וֶועג – אוּן אִין דֶער [יֶעצְטִיגֶער] צַייט, פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ שׁוֹין אוּמְקֶערְן – אוּן

הַיינְט [יֶעצְט] אִיז שוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְט גֶעקוּמֶען"!

אוּן דָאס אִיז אַלְץ גֶעוֶועזְן פוּן דִי 'שֵדִים' – דֶער 'פָּאטֶער', מִיט דֶער 'מוּטֶער', מִיט דֶעם 'זוּהְן'!

הָאט מֶען זֵיי גֶעבְּרַאכְט צוּם [אוֹיבֶּנְדֶערְמַאנְטְן] 'מֶלֶךְ' [פוּן דִי 'שֵדִים'] – הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעהֵייסְן: "אַז מְ'זָאל שִיקְן 'שְלוּחִים', אִין גָאר דֶער וֶועלְט, אַז מְ'זָאל אִים גֶעפִינֶען"!

וִוי דֶער 'פָּאטֶער' מִיט דֶער 'מוּטֶער' זֶענֶען צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' – הָאבְּן זֵיי בַּאגֶעגְנְט אֵיינֶעם, וָואס דֶער אִיז אִינְאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען מִיט זֵייעֶר 'זוּהְן'! [דָאס אִיז גֶעוֶועזְן דֶער 'חָבֵר' פוּן זֵייעֶר 'זוּהְן', וָואס עֶר אִיז פְּרִיעֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט זֵייעֶר 'זוּהְן'. אוּן יֶעצְט הָאבְּן זֵיי בַּאגֶעגְנְט נָאר יֶענֶעם אַלֵיינְס, אָן זֵייעֶר 'זוּהְן']!

הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "[אוֹיף] וָואס וֵויינְט אִיר"? – הָאבְּן זֵיי אִים דֶערְצֵיילְט [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן [וָואס דָא גֵייט פָּאר] – בַּאֲשֶר [אַזוֹי־וִוי] מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ 'קֶענְפֶּע' [אִינְזְל] אוֹיף דֶעם 'יַם', וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער אָרְט – [דֶערְנָאךְ] אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'מֶלֶךְ' [נִישְט פוּן דִי 'שֵדִים'] וָואס צוּ אִים הָאט גֶעהֶערְט דִי [דָאזִיגֶע] 'קֶענְפֶּע', אוּן הָאט גֶעוָואלְט דָארְטְן בּוֹיעֶן 'פַּאלַאצְן', אוּן הָאט דָארְט שוֹין גֶעלֵייגְט אַ 'יְסוֹד' (דְהַיְינוּ: אַ 'גְרוּנְד')!

הָאט אֵייעֶר 'זוּהְן' [דָאס אִיז דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער זוּהְן פוּן דִי 'שֵדִים', וָואס אִיז פַּארְלוֹירְן גֶעוָוארְן] גֶעזָאגְט צוּ מִיר: "אַז מִיר זָאלְן אִים מַזִיק זַיין"! – זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען, אוּן מִיר הָאבְּן אַוֶועקְגֶענוּמֶען דֶעם 'כֹּחַ' פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] 'מֶלֶךְ'!

הָאט עֶר [דֶער דָאזִיגֶער קֶענִיג] זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט 'דָאקְטוֹרִים', אוּן זֵיי הָאבְּן אִים נִישְט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן! – הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָּארֶען מִיט 'מְכַשְפִים'!

אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ 'מְכַשֵף', וָואס עֶר הָאט גֶעוואוּסְט זַיין 'מִשְפָּחָה' [פוּן דֶעם זוּהְן'] – [אוּן] מַיין 'מִשְפָּחָה' הָאט עֶר נִישְט גֶעוואוּסְט, אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ־דֶעם] הָאט עֶר מִיר גָארְנִישְט גֶעקֶענְט טוּהְן! – נָאר זַיין 'מִשְפָּחָה' הָאט עֶר [יָא] גֶעוואוּסְט, הָאט עֶר אִים גֶעכַאפְּט אוּן עֶר אִיז אִים מְעַנֶה זֵייעֶר (כְּלוֹמַר: עֶר פַּיינִיגְט אִים זֵייעֶר)"!

הָאט מֶען אִים גֶעבְּרַאכְט צוּם 'מֶלֶךְ' [פוּן דִי 'שֵדִים'] (דְהַיְינוּ: דֶעם [דָאזִיגְן] 'שֵד' וָואס הָאט דָאס אַלְץ דֶערְצֵיילְט) – הָאט עֶר דָאס פַאר דֶעם 'מֶלֶךְ' אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט: "לָאז [זָאל] מֶען אוּמְקֶערְן דֶעם 'כֹּחַ' צוּ דֶעם 'מֶלֶךְ' [פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן 'אִינְזְל']"! – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט [דֶער 'שֵד']: "עֶס אִיז בַּיי אוּנְז גֶעוֶוען אֵיינֶער [אַ 'שֵד'] וָואס עֶר הָאט קַיין 'כֹּחַ' נִישְט גֶעהַאט, הָאבְּן מִיר אִים אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דֶעם 'כֹּחַ'"!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט: "לָאז [זָאל] מֶען בַּיי אִים אָפְּנֶעמֶען [צוּרִיקְנֶעמֶען] דֶעם 'כֹּחַ', אוּן לָאז [זָאל] מֶען [דָאס] אוּמְקֶערְן צוּם 'מֶלֶךְ'" [פוּן דִי 'אִינְזְל']! – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט [צוּם מֶלֶךְ]: "[אַז] עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ 'וָואלְקְן'"! (דְהַיְינוּ: דֶער 'שֵד' וָואס זֵיי הָאבְּן אִים אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דֶעם 'כֹּחַ' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ', אִיז דֶער 'שֵד' גֶעוָוארְן אַ 'וָואלְקְן')!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט: "אַז מֶען זָאל רוּפְן דֶעם 'וָואלְקְן', אוּן מְ'זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַהֶער"! – הָאט מֶען גֶעשִיקְט אַ 'שְלִיחַ' נָאךְ אִים!

**[ג]** הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵב גֶעוֶועזְן (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט קַיין 'כֹּחַ' נִישְט גֶעהַאט אִין דִי 'פִּיס' פְּרִיעֶר [דֶער 'פְּרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער'] – וָואס עֶר [אִיז אַהֶערְגֶעקוּמֶען אוּן] הָאט דָאס אַלְץ גֶעזֶעהְן): "לָאמִיךְ [לָאמִיר] נָאכְגֵיין [דֶעם שְלִיחַ] – וֶועל אִיךְ זֶעהְן, וִויאַזוֹי סֶע [עֶס] וֶוערְט פוּן דִי [דָאזִיגֶע] לַייט [מֶענְטְשְן], אַ 'וָואלְקְן'"?!

אִיז עֶר נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם 'שְלִיחַ' – אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶער 'שְטָאט', וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער 'וָואלְקְן'! – הָאט עֶר [דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער] גֶעפְרֶעגְט דִי שְטָאט־לַייט: "פַּארְוָואס אִיז דָא אַ 'וָואלְקְן' אִין 'שְטָאט'"?! [דְהַיְינוּ: פַּארְוָואס הָאט דֶער "וָואלְקְן' אַזוֹי שְטַארְק בַּאדֶעקְט דֶעם 'שְטָאט'; סְ'אִיז פַּארְוָואלְקְנְט].

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָא אִין 'שְטָאט', אִיז אַדְרַבָּא, קַיינְמָאל קַיין 'וָואלְקְן' נִישְט [גֶעוֶוען] דָא – נָאר פוּן אַ [שְטִיקְל] צַייט [צוּרִיק], הָאט אַזוֹי אַ 'וָואלְקְן' בַּאדֶעקְט דִי 'שְטָאט'"!

אוּן דֶער 'שְלִיחַ' אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט גֶערוּפְן דֶעם 'וָואלְקְן'! – אִיז עֶר [דֶער פְּרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער] אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵב גֶעוֶועזְן (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט קַיין 'כֹּחַ' נִישְט גֶעהַאט אִין דִי 'פִּיס' פְּרִיעֶר [דֶער פְּרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער]): "עֶר וֶועט זֵיי נָאכְגֵיין, עֶר זָאל הֶערְן וָואס זֵיי שְמוּעֶסְן"!

הָאט עֶר גֶעהֶערְט: וִוי דֶער 'שְלִיחַ' הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי קוּמְט עֶס, וָואס דוּ בִּיזְט דָא גֶעוָוארְן אַ 'וָואלְקְן'"?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ 'מַעֲשֶׂה'"!

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ______________________

טעלפון ______________________

שטאט ______________________

# בחינה אויף סיפורי מעשיות

## די דריטע מעשה - דער הינקעדיגער (2)

**א. וויאזוי איז דער וואס האט נישט געקענט גיין אויסגעהיילט געווארן?**

☐ ער איז געגאנגען אין די וועג וואס די שטויב איז א רפואה פאר די פיס

☐ ער איז געגאנגען אין די וועג וואס די שטויב איז פאר צדיקים

☐ ער איז געגאנגען אין די וועג וואס די שטויב איז פאר משוגעים

**ב. צו וועלכע וואלד איז ער נאכדעם געגאנגען?**

☐ צו די וואלד וואס איז געווען נעבן אים

☐ צו די וואלד וואו מ'האט אים באראבעוועט

☐ צו די וואלד וואו די זון און לבנה קומען זיך צוזאם

**ג. אויף וועלכע בוים איז ער ארויף?**

☐ א נידריגע בוים

☐ א געוועגליכע בוים

☐ א הויכע בוים

**ד. וועלכע שטויב האט ער אויסגעשפרייט אויף דעם וועג?**

☐ די שטויב פון צדיקים

☐ די שטויב פון משוגעים

☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט פאסירט צו די גזלנים וואס זענען געגאנגען אויף די שטויב ?**

☐ זיי זענען געווארן צדיקים און האבן חרטה געהאט אויף דעם וואס זיי האבן גערויבט און געהרג'ט

☐ זיי האבן זיך געשריגן איינער אויפ'ן אנדערן צוליב דיר האבן מיר גע'הרג'עט

☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וויפיל גזלנים זענען איבערגעבליבן?**

☐ אלע

☐ נאר צען

☐ דער עלצטער (גרעסטער) גזלן מיט נאך איינער

**ז. וועלכע שטויב האט ער נאכדעם אויסגעשפרייט?**

☐ די שטויב פון צדיקים

☐ די שטויב פון משוגעים

☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס איז געווארן מיט דעם גרויסן גזלן ווען ער איז געגאנגען אויף די שטויב?**

☐ ער איז געווארן א צדיק און חרטה געהאט אוף דעם וואס ער האט גערויבט און גע'הרג'עט

☐ ער האט געריסן קברים און תשובה געטון

☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האט דער גזלן געזאגט צו דער וואס האט פריערט נישט געקענט גיין?**

☐ ער האט אויף אים געשריגן אז צוליב אים האט ער גע'הרג'עט

☐ ער האט גארנישט גערעדט צו אים

☐ ווי אז איך האב אזוי געטון, גיב מיר ארויס א תשובה

**י. וואס האט מען גע'פסק'נט אין שטאט אויף דעם גזלן?**

☐ אז מ'זאל אים גארנישט טון, ווייל ער האט תשובה געטון

☐ אז מ'זאל אים איינשפארן אין תפיסה , למען ידעו

☐ אז מ'זאל אים הענגען, למען ידעו

**יא. וואו אהין איז דער וואס האט נישט געקענט גיין נאכדעם געגאנגען?**

☐ ער איז צוריק געגאנגען צו די פלאץ וואס די זון און די לבנה טרעפן זיך

☐ ער איז צוריק געגאנגען צו די פלאץ וואו מ'האט אים בא'גזל'ט

☐ ער איז געגאנגען צו די צווי טויזענט בערג

**יב. וואס האט ער דארטן געזען?**

☐ די שדים וואו זיי מאכן ליצנות

☐ די שדים וואו זיי פארציילן פאר וועמען זיי האבן מזיק געווען

☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. פארוואס האבן די טאטע מאמע פון די שדים געוויינט?**

☐ ווייל די שדים האבן זיי מזיק געווען

☐ ווייל שוין א לאנגע צייט וואס זייער זון איז נישט געקומען

☐ ווייל זיי האבן פארלוירן גאר א טייערע זאך

**יד. ווער האט געכאפט די זון פון די שדים , דער וואס איז פארלוירן געווארן?**

☐ זיין חבר וואס איז געגאנגען מיט אים יעדן טאג

☐ דער מלך וואס האט געבויט די פאלאץ

☐ דער כישוף מאכער וואס האט געוואוסט זיין משפחה

**טו. פארוואס האט ער אים געכאפט און געפייניגט?**

☐ ווייל ער האט מזיק געווען פאר דער מכשף

☐ ווייל ער האבן אוועק גענומען די כח פון דעם מלך וואס האט געבויט פאלאצן אויפ'ן ים

☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס האט דער מלך פון די שדים געהייסן אז מ'זאל טון?**

☐ דערוויל זאל מען גארנישט טון

☐ אז מ'זאל צוריק געבן די כח פאר דעם מלך וואס האט געבויט די פאלאצן

☐ אז מ'זאל נישט צוריק געבן די כח פאר דעם מלך וואס האט געבויט די פאלאצן

**יז. וואס האט דער מלך פון די שדים געהייסן אז מ'זאל טון ווען מ'האט אים געענטפערט אז ער איז געווארן א וואלקן?**

☐ דערוויל זאל מען גארנישט טון

☐ אז מ'זאל צוריק נעמען די כח פון דעם וואלקן און עס צוריק געבן פאר דעם מלך וואס האט געבויט די פאלאצן

☐ אז מ'זאל רופן דעם וואלקן און מ'זאל אים אהער ברענגען

**נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טָאן. אָן צוּ טְרֶעְנְקֶען בֵּיימֶער - מיט פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס מעשיות

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 - ארה"ב 646-518-1095

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ____________________________

טלפון ___________________________

עיר ____________________________

# מבחן בסיפורי מעשיות

## מעשה ג' - מחיגר (2)

**א. איך נתרפא החיגר?**
- ❑ נתן רגליו באותו הדרך שהאבק רפואה לרגליים
- ❑ נתן רגליו באותו הדרך שהאבק מסוגל לצדיקים
- ❑ נתן רגליו באותו הדרך שהאבק מסוגל למשוגעים

**ב. לאיזה יער הלך החיגר אחרי שנתרפא?**
- ❑ ליער הקרוב שהיה לידו
- ❑ לאותו היער שגזלו אותו שם
- ❑ ליער שהשמש והלבנה דברו יחד

**ג. על איזה אילן עלה החיגר שם?**
- ❑ אילן נמוך
- ❑ אילן רגיל
- ❑ אילן גבוה

**ד. איזה פול פיזר החיגר על הדרך?**
- ❑ פול של הצדיקים
- ❑ פול של משוגעים
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ה. מה קרה לגזלנים שעברו על הפול שפיזר החיגר?**
- ❑ נעשו צדיקים וצעקו על נפשם על מה שעשו
- ❑ כל אחד אמר לשני בשבילך גזלנו והרגנו, והרגו זה את זה
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ו. כמה גזלנים נשארו בחיים אחרי כל זה?**
- ❑ כולם
- ❑ רק עשרה גזלנים
- ❑ הגזלן הגדול ועוד אחד

**ז. איזה פול פיזר אח"כ החיגר?**
- ❑ פול של הצדיקים
- ❑ פול של משוגעים
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ח. מה קרה לגזלן הגדול כשעבר על הפול שפיזר החיגר?**
- ❑ נעשה צדיק וצעק על נפשו
- ❑ היה תולש קברים ושב בתשובה ומתחרט מאוד
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ט. מה אמר הגזלן הגדול לחיגר כשראה אותו?**
- ❑ בשבילך גזלתי והרגתי כ"כ הרבה אנשים
- ❑ לא דיבר אליו כלל
- ❑ התחיל לצעוק ... ואמר לו תן לי תשובה

**י. מה פסקו לגזלן הגדול, בעיר?**
- ❑ שלא יעשו לו כלום כי עשה תשובה
- ❑ שייאסרו אותו בבית הסוהר למען ידעו
- ❑ שיתלו אותו, למען ידעו

**יא. לאן הלך החיגר אח"כ?**
- ❑ חזר למקום שהשמש והלבנה מתוועדים שם
- ❑ חזר למקום שגזלו אותו שם
- ❑ הלך אל הב' אלף הרים (הנ"ל)

**יב. מה ראה שם החיגר?**
- ❑ השדים, והם עושים ליצנות,
- ❑ כל אחד מספר למי הזיק
- ❑ שתי התשובות נכונות

**יג. מדוע האב והאם של השדים היו בוכים?**
- ❑ כי הזיקו להם השדים
- ❑ כי הבן שלהם לא בא זמן רב
- ❑ כי נאבד להם הרבה כסף

**יד. מי תפס את הבן של השדים שנאבד?**
- ❑ חברו שהולך עמו כל יום
- ❑ המלך
- ❑ המכשף שהיה יודע משפחתו

**טו. למה תפסו ועינו את הבן של השדים שנאבד?**
- ❑ כי הזיק למכשף
- ❑ כי לקח הכח מהמלך שהניח יסודות על האי
- ❑ שתי התשובות נכונות

**טז. מה אמר המלך לעשות?**
- ❑ שלא יעשו כלום בינתיים
- ❑ שיחזרו הכח למלך שהניח יסודות על האי
- ❑ שלא יחזרו הכח למלך שהניח יסודות על האי

**יז. מה אמר המלך לעשות כשאמרו לו שהכח נעשה ענן?**
- ❑ שלא יעשו כלום בינתיים
- ❑ שיקחו את הכח מהענן ויחזירו למלך שהניח יסודות על האי
- ❑ שיקראו הענן ויביאו אותו לכאן

**תשתדלו להשקות אילנות - בהצלחה גדולה**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 15326519611 או ל: L3233287@gmail.com